# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים
פרשת ויקהל תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 422

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר ג' אלול תשס"ג
ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### רוען שבת – לשם שמים

"שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'" (לה ב)

**זאגט רבי יוסף שאול נאטאנזאהן:**

די תורה האט קלאר באפוילן אז אונזער רוען זאל זיין "שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'" - צוליב די ציווי פון ה', און נישט נאר וועגן זיך אפרוען פון די פלאג פון די פריערדיגע וואך און זאמלען כח אויף די קומענדיגע וואך. דער יסוד זאגן מיר אויך אין די שמו"ע פון שבת ביי מנחה: "מנוחת אמת ואמונה... מנוחה שלימה שאתה רוצה בה". און וואס איז די מנוחה וואס דו ווילסט? "יכירו בניך וידעו כי מאתך היא מנוחתם ועל מנוחתם יקדישו את שמך".

'דברי שאול' מהדו"ק

### זאגן פרשת המשכן איז ווי זיך באשעפטיגן אין זיין בויען

"וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר" (לה ד)

ביי די ציווי פון רוען אין שבת כאפט אן דער פסוק (לעיל פס' א) דער לשון: "אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת". פארוואס אין דער פסוק וואס רעדט פון בויען די משכן שטייט: "אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר"?

**ערקלערט דער רבי ר' מנחם מענדל מרימנוב:**

אין דעם ענדערונג פון דער לשון האט דער פסוק אנטפלעקט א ספעציעלע סגולה וואס איז דא ביי די פרשה פון מלאכת המשכן, אז 'לאמר' איז פונקט ווי 'לעשות'. דיך צו לערנען אז יעדער וואס זאגט פארן דאווענען די פרשה פון די משכן ווערט עס גערעכנט כאילו ער האט געבויעט די משכן.

זיין גרויסער תלמיד **רבי יעקב צבי יאליש** בעל 'מלא הרועים' האט עדות געזאגט אז זיין רבי האט זיך טאקע אזוי געפירט צו זאגן יעדן טאג פארן דאווענען די פרשה פון ציווי מלאכת המשכן, "און מיט דעם האט ער אינזין געהאט ממשיך זיין פאר זיך די בחי' פון די משכן ער זאל דאווענען אין דעם".

'מנחם ציון' מצורע; 'קול יעקב' ויקרא

### ה' געבט אריין חכמה אין די הארץ פון 'כל אשר נשאו לבו'

"וַיִּקְרָא מֹשֶׁה אֶל בְּצַלְאֵל וְאֶל אָהֳלִיאָב וְאֶל כָּל אִישׁ חֲכַם לֵב אֲשֶׁר נָתַן ה' חָכְמָה בְּלִבּוֹ כֹּל אֲשֶׁר נְשָׂאוֹ לִבּוֹ לְקָרְבָה אֶל הַמְּלָאכָה לַעֲשֹׂת אֹתָהּ" (לו ב)

**ערקלערט דער 'חפץ חיים':**

פון דער לשון הפסוק: "אֲשֶׁר נָתַן ה' חָכְמָה בְּלִבּוֹ - כֹּל אֲשֶׁר נְשָׂאוֹ לִבּוֹ לְקָרְבָה אֶל הַמְּלָאכָה..." זעט אויס אז יעדער איד וואס האט געוואלט מיט זיין הארץ זיך באשעפטיגן אין מלאכת המשכן, האט השי"ת אריינגעגעבן חכמה אין זיין הארץ ער זאל קענען אויספירן וואס ער וויל טון. פון דא זען מיר אז יעדער וואס גלוסט באמת טון אזאך וואס איז פארבינדן מיט תורה און עבודת ה', אפילו אויב עס רעדט זיך פון א קאמפליצירטע ענין וואס כדי עס אויספירן פעלט זיך אויס צו דעם ספעציעלע טאלאנטן און כוחות וואס ער איז נישט געשאנקען געווארן מיט דעם, וועט אים השי"ת געבן חכמה אין זיין הארץ ער זאל אויספירן וואס ער וויל.

'תורת הבית' פרק ז

### דאווענען 'איש על אחיו'

"וַיִּהְיוּ הַכְּרֻבִים פֹּרְשֵׂי כְנָפַיִם לְמַעְלָה סֹכְכִים בְּכַנְפֵיהֶם עַל הַכַּפֹּרֶת וּפְנֵיהֶם אִישׁ אֶל אָחִיו אֶל הַכַּפֹּרֶת הָיוּ פְּנֵי הַכְּרֻבִים" (לז ט)

דער '**תפארת שלמה**' זאגט אז דער פסוק איז א רמז אויף א וויכטיגער יסוד אין דער ענין פון אננעמען די תפילות: ווען א מענטש האט אינזין ביים דאווענען נאר זיין אייגענע גוט'ס "איז זייער שווער אז זיין תפילה זאל ארויפגיין אויבן לרצון". אבער אויב זיין תפילה איז אויף זיין חבר, דעמאלטס ווערט עס ענדערשט אנגענומען.

תפילה ווערט אנגערופן אין די פסוקים (זעה ישעיה א כו) 'פרישת כפים'. דער פסוק לערנט אונז אויב אונזערע תפילות וועלן געזאגט ווערן אין די בחי' פון: "וּפְנֵיהֶם אִישׁ אֶל אָחִיו" - אז יעדער פון אונז וועט דאווענען אויף די טובה פון זיין חבר, זענען מיר פארזיכערט אז זיי וועלן אנגענומען ווערן לרצון, און וועלן אונז באשיצן מיט די בחי' פון: "סֹכְכִים בְּכַנְפֵיהֶם עַל הַכַּפֹּרֶת".

'תפארת שלמה'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### 'ואמר כל העם אמן'

אלע זאגן מיט א ברען, אינמיטן דאווענען, אויך זינגט מען און מען טאנצט מיט א ברען, די ווערטער פון דער פסוק: "ואמר כל העם אמן!".

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז יעדעס מאל וואס די סארט רוף ווערט דערמאנט אין תנ"ך איז עס געשריבן מיט א לשון רבים - אז "כל העם", זאל זאגן אמן. איינמאל, אין תהילים (קו מח): "בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם וְאָמַר כָּל הָעָם אָמֵן הַלְלוּי-ה", און דאס צווייטע מאל, ענליך, נאר מיט א קליינע ענדערונג; אין דברי הימים (א' טז לו): "בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעוֹלָם וְעַד הָעֹלָם וַיֹּאמְרוּ כָל הָעָם אָמֵן וְהַלֵּל לה'".

ווי עס וואלט דא געשטאנען א ווענדונג צו אלע אידן, מענער פרויען און קינדער - מען זאל האלטן טייער און חשוב דער ענין פון ענטפערן 'אמן'.

נאך, דער לשון; "ויאמרו"-"ואמר", איז מרמז אויף דעם אז מיר זאלן זיך נישט באגענוגן מיט דעם וואס מיר אליין וועלן זאגן 'אמן', נאר מיר זאלן אויך מעורר זיין אנדערע אזוי צו טון.

און נאך א דערהער קען מען לערנען פון דא: אז מיר וועלן צולייגן קאפ וועלן מיר באמערקן אז אין 'הודו' איז אריינגעשטעלט דער פסוק וואס א געזאגט געווארן מיט א לשון עבר - "וַיֹּאמְרוּ", און פאר 'ברוך שאמר' (לויט נוסח ספרד), איז צוטירט דער פסוק פון תהילים - "וְאָמַר", וואס איז א לשון עתיד. ווי די מסדרי התפילה האבן מיט דעם מרמז געוועזן: נאכן זאגן 'אמן' אויף ברכות השחר, געדענקט מקפיד זיין זאגן 'אמן' אויך אויף די ברכות פון דאווענען.

יא. תפילה מיט אמן זענען צוגעבינדן איינס צום אנדערן מיט א קניפ וואס קען זיך אפרייסן.

לאמיר שענקען פאר אונז אליין די זכות אננעמען די ווערטער פון דוד המלך ע"ה ווי א דירעקטע באפעל; לאמיר נתעורר ווערן ענטפערן אמן נאך די ברכות פון אונזער חבר און בעטן פון אונזער חבר זאל ענטפערן אמן נאך אונזערע ברכות, און אזוי וועלן מיר ווי אין גיכן זוכה זיין זען ווי עס ווערט פארווירקליכט די נבואה אויף די אחרית הימים: "ואמר כל העם אמן".

מיט א רוף 'ונרוממה שמו יחדיו'

א גוט שבת

יעקב דוב מארמארשטיין

# א ברכה ברענגט א ברכה

אייר תשפ"א. אינמיטן די 'שבעה' טעג פון די אומגעקומענע פון 'אומגליק אין מירון', די שרעקליכע אומגליק וואס האט אויפגעציטערט דאס הארץ און נשמה פון יעדן איד. אין די הויז פון פאמיליע זעקבאך אין די קרית-הרצוג געגנט אין בני ברק, איז אריינגעקומען הרב חיים ג. שיחי', וועלכער האט געוואלט אויסנוצן זיין פערזענליכען לעבן אלס א צובראכענער פאטער, זיי טרייסטן נאכן פטירה פון זייער זון, האברך החשוב בן עליה רבי מנחם אשר ז"ל וועלכער איז אומגעקומען אין דעם אומגליק אין עלטער פון בלויז פיר און צוואנציג יאר.

ר' חיים איז אריין אין שטוב וואס איז געווען איבערגעפילט מיט נאך אסאך וואס זענען געקומען טרייסטן, און האט גלייך באמערקט די הויפן שיינע בענטשער'ס, וואס זענען געליגן אויפן טיש ביים אריינגאנג, און אויף זיי איז געווען אויפגעשריבן מיט זילבערנע אותיות:

"צוואתו של הרב מנחם אשר זצ"ל, בן רבי מאיר שיבדלח"ט, לברך ברכת המזון מתוך הכתב".


די מעמד פון אנהויבן שרייבן 45 ספרי תורה לזכר פון די קדושי מירון

ר' חיים האט נישט פארשטאנען די באדייט פון דיווארט "צוואה"; עס קען דען זיין, אז אזא יונגערמאן, וואס איז אזוי פלוצים געשטארבן האט שוין אנגעיאגט שרייבן א צוואה? ער האט זיך געוואנדן צו איינעם פון די משפחה און יענער האט אים ערקלערט אז מיט בערך אכט יאר צוריק, ערב יום כיפור, האט ר' מנחם אשר זיך אונטערגענומען צו בענטשן ברכת המזון אינעווייניג, און פון דעמאלטס ביז זיין פטירה האט ער שטארק מקפיד געווען אויף דעם, אן נאכלאזן און וועלן וויסן פון קיין חכמות. ווען ער האט זיך געדארפט גיין וואשן די הענט פאר א סעודה, האט ער זיך פארזיכערט אז ער וועט האבן א בענטשער, און אויב נישט - האט ער זיך נישט געוואשן די הענט. אין אסאך שמחות וואו ער האט זיך באטייליגט, האט ער זיך נישט געוואשן די הענט, ווייל ער האט נישט געוואוסט אויף זיכער, אז נאכן סעודה וועט ער האבן א בענטשער.

ר' מנחם, וועלכער האט זיך אין דעם מחזק געווען, האט אסאך געטון צו מעורר זיין זיינע באקאנטע אויף דעם ענין, און זיינע משפחה מיטגלידער וואס האבן אין דעם געזען זיין צוואה, האבן באשלאסן אז אין לויף פון די 'שבעה' וועלן זיי אויסטיילן הונדערטער בענטשער'ס און מעורר זיין די מנחמים זיי זאלן זיך מקבל זיין לעילוי נשמתו צו בענטשן ברכת המזון פון א בענטשער.

ר' חיים איז געקומען מחזק זיין אבער ער אליין איז ארויס מחוזק. ער האט באלד באשלאסן זיך אונטערנעמען די דאזיגע הייליגע קבלה - פון יעצט און ווייטער וועט ער בענטשן ברכת המזון בלויז פון אינעווייניג.

פונקט אין יענע צייט איז ר' חיים געשטאנען פאר א ערנסטע שוועריקייט. ער האט געארבעט אלס א סופר סת"ם, און אין די לעצטע פיר וואכן האט ער נישט געהאט קיין ארבעט. א גאנצע חודש, איז ער ארומגעלאפן צווישן פארשידענע סוחרים, ווען ער נעמט מיט א דוגמא פון זיין שריפט, אבער פון אלעמען האט ער באקומען א נעגאטיווין ענטפער, עפעס איז זיי נישט געפעלן זיין שריפט, דאס האט אים פארצווייפלט; - ווער ווייסט - האט ר' חיים געטראכט צו זיך צוריק אין "סופרים-שטובל", נאך זיך טרעפן מיט נאך א סוחר וואס האט אים אויך נישט געוואלט העלפן, אפשר בין איך בכלל נישט פאסיג צו דער פאך... אפשר לוינט מיר ענדערשט זוכן אן אנדערע פרנסה...".

מיט א שווערן געפיל איז ער אריין אין דעם נאנטן בעקעריי, זיך געקויפט א בולקע, אריין אין דער "סופרים-שטובל" וואו ער איז צוגעוואוינט זיך פארנעמען מיט זיין ארבעט. ער האט זיך געוואלט גיין וואשן די הענט און מיטאמאל האט ער זיך דערמאנט אין די קבלה וואס ער האט זיך אונטערגענומען מיט עטליכע טעג צוריק, אין בית האבלים. ער האט ארויפגעלייגט דאס טעפל און אנגעהויבן זוכן א בענטשער. נאך לאנגע מינוטן פון זוכן האט ער געפונען אין זייט פון איינע פון די פאליצעס א קליין בענטשער.

די בענטשער איז געווען געשריבן מיט א כתב אשורית, דאס איז דער שריפט וואס מען שרייבט סת"ם, דער 'כתב' איז געווען באזונדער שיין, און נאכן ענדיגן בענטשן איז אים מיטאמאל אויפגעקומען א געדאנק: אפשר זאל איך ניצן דעם בענטשער צו פארבעסערן מיין שריפט.

געטראכט און געטון, ער האט גענומען דעם בענטשער און אנגעהויבן איבערשרייבן דערפון די ברכת המזון, אות נאך אות, שורה נאך שורה. ער האט געשריבן מיט גרויס קאנצענטראציע, ווען בשעת'ן שרייבן געבט ער אכטונג און פארבעסערט אלעס וואס דארף א פארבעסערונג אין זיין האנטשריפט, לויט די צורה פון די אותיות וואס שטייען אים אנטקעגן אין די בענטשער, דאס איבערשרייבן האט אים געדויערט בערך דריי גאנצע שעה'ען און נאכדעם האט ער געהאט אן א אייגענער בענטשער, געשריבן מיט א שיינע פרעכטיגע כתב אשורית.

ווייניגער פון פינף מינוט איז אדורך, און עס האט זיך געהערט קלאפן אויפן טיר. ביים טיר איז געשטאנען זיין חבר, אויך א סופר סת"ם: "ר' חיים", האט זיך דער חבר צו אים געוואנדן, "מיר האט מען יעצט אנגעטראגן צו שרייבן א ספר תורה, אבער איך בין פארנומען מיט ארבעט און איך קען עס נישט אננעמען, ווילסט איך זאל פרובירן דיר פארשלאגן?!".

ר' חיים, וועלכער האט אין דעם געזען ווי א צייכן פון הימל האט געענטפערט מיט באגייסטערונג:- אוודאי! "אט האסטו וואס צו ווייזן פארן קונה א ביישפיל, איך האב עס נאר יעצט געענדיג...".

בערך נאך א האלבע שעה רופט אן דער חבר צו ר' חיים און זאגט אים: "די משפחה פאר וועמען דאס ספר דארף געשריבן ווערן זענען באגייסטערט געווארן פון דיין כתב, וואלסטו געוואלט אנהייבן שרייבן?". "אוודאי!", האט ר' חיים געענטפערט, און גלייך געפרעגט: "איבער וועלכע משפחה רעדט זיך דאס?".

דער ענטפער וואס ער האט באקומען האט אים שאקירט: זיי געווען נישט קיין אנדערע ווי די משפחה זעקבאך, וואס האט אויפ'ן איניציאטיוו און הילף פון הנגיד הגאון רבי שמואל דוד הכהן פריעדמאן שליט"א פון בארא פארק באשלאסן צו שרייבן א ספר תורה לעילוי נשמת זייער זון רבי מנחם אשר ז"ל.

"עס איז נישטא קיין אנדערער וועג דאס צו ערקלערן", ענדיגט ר' חיים, "דאס זענען זאכן וואס נאר דער השגחה העליונה קען אזוי פירן; יעצט האב איך זיך אונטערגענומען צוליב די 'צוואה' פון הרב זעקבאך צו בענטשן אינעווייניג. א הנהגה, וואס לויטן ספר החינוך, איז ער פארזיכערט מיט עסן בהרחבה אגאנץ לעבן. צוליב די קבלה האב איך געזוכט א בענטשער און געפונען נישט קיין אנדערער ווי א בענטשער בכתב אשורית, דורך דעם האב איך פארבעסערט מיין שריפט, און גלייך דערנאך ביך איך געבעטן געווארן שרייבן א ספר תורה לעילוי נשמת פון דעם וואס האט אנגעהויבן דעם וואונדערליכן קייט - רבי מנחם אשר זעקבאך זצ"ל.

דערציילט דורך הרב יואל גאלד שליט"א,
געהערט פון דער בעל המעשה

# די ברכה 'גאל ישראל'

## די מקור פון די ברכה

ווי באקאנט, אזוי ווי די טעג זענען אויסגעשטעלט אין א מחזור פון זיבן טעג; די ששת ימי מעשה און נאך זיי א טאג וואס מען רוהט - 'שבת', אזוי אויך די יארן זענען אויסגעשטעלט אין א מחזור פון זיבן יאר; זעקס ארבעט'ס יאר, און נאך זיי די יאר וואס מען רוהט - 'שמיטה'. די חכמים זאגן אז אין די שמיטה-יאר וואס וועט זיין פאר ביאת המשיח וועלן די אידן זיך שטארקן און פירן גרויסע מלחמות מיט זייערע פיינט, און אין אנהויב די אכטע יאר ['מוצאי שביעית'] וועט משיח קומען. ווייל די אנהויב פון די גאולה וועט זיין אין די זיבעטע יאר, האבן די חכמים אויסגעשטעלט צו בעטן אויף די גאולה ביי די זיבעטע ברכה פון שמונה עשרה (מגילה יז ב).

אויסער דעם, ערקלערט דער 'לבוש' (או"ח קטו א) עס איז פאסיג אז די בקשה אויף די גאולה זאל זיין נעבן די ברכה פון סלח לנו, ווייל מיר וועלן נישט זוכה זיין צו די גאולה נאר נאך א ריכטיגע מחילת עוונות. נאך ערקלערט דער 'סדר היום' (סדר תפילת עמידה) אז די חכמים האבן אוועקגעשטעלט די ברכות פון סליחה און גאולה נאנט, ווייל די ביטערע גלות האלט אונז אפ פון לערנען תורה און מקיים זיין די מצוות, און צוליב דעם ווערן מיר אסאך מאל נכשל אין זינד.

## די געבוי פון די ברכה

לכאורה וואלט די ברכה זיך געדארפט אנהויבן מיטן דערמאנען די טעמע פון די ברכה - 'גאלנו', אזוי ווי: 'השיבנו', 'סלח לנו', 'רפאנו' און נאך ברכות, פארוואס הייבט זיך עס אן מיט די ווערטער: "ראה נא בענינו"? דער משגיח רבי חיים פרידלענדער ערקלערט אז דירעקט הייבט מען אן מיט אזא לשון, ווייל אזוי ווי ביי גאולת מצרים איז די 'ראיה' געווען די אנהויב פון די גאולה, דערנאך וואס די אידן האבן געשריגן צו השי"ת אויף די קושי השיעבוד, שטייט (שמות ב כה) "וירא אלקים את בני ישראל וידע אלוקים", און רש"י ערקלערט (שם): "נתן עליהם לב ולא העלים עיניו", אזוי דאווענען מיר אויך אז ה' זאל צוזעהן אונזער פלאג, און דורך דעם זענען מיר פארזיכערט אז ער וועט אונז אויסלייזן פון אונזערע צרות ('שפתי חיים' - 'רינת חיים' שמו"ע עמ' קיז).

אלס א פארזעצונג צו די ברכה בעטן מיר: "וגאלנו... **למען שמך**", ווייל די גאנצע צייט וואס די אידן האבן פארשידענע שוועריקייטן איז דער נאמען פון השי"ת פארשוועכט צווישן די פעלקער (פירושי סדר התפילה לרוקח סי' נא). אויסער דעם האבן מיר אינזין כבוד השכינה וואס איז זיך מצטער מיט די אידן אין זייערע צרות ('יסוד ושורש העבודה' שער ה פ"ד).

## די באדייט פון די ברכה

כאטש די חכמים רופן אן די ברכה 'ברכת גאולה', שרייבט רש"י (מגילה יז ב ד"ה אתחלתא) אז דאס איז נישט די בקשה אויף די גאולה העתידה, ווייל אויף דעם האט מען עקסטער באשטימט דריי ברכות אין די פארזעצונג פון די שמו"ע ['מקבץ נדחי וכו", 'ולירושלים' ו'צמח דוד'], נאר דאס איז א בקשה אויף די גאולה פון די טאג טעגליכע צרות.

האדמו"ר רבי יהושע מבעלזא טייטש אז לויט רש"י'ס שיטה בעטן מיר דא אין די ברכה, אז אויך אויב עס איז נאכנישט געקומען די צייט פון די גאולה, זאל אונז דער באשעפער נאך בעפאר די גאולה שענקען אביסל פון די ישועות וואס זענען פאר אונז אנגעגרייט אויף די גאולה, און וועט אונז שוין יעצט אויסלייזן פון די צרות וואס מיר ליידן אין גלות ('ויחי יוסף' ויחי. און זעה אין 'אמרי פנחס' שער סדר היום אות פח, אז לויט רש"י זאל מען נישט זאגן אין די ברכה "גאולה שלימה", ווייל מיר בעטן דאך נישט ביי די ברכה אויף די גאולה העתידה).

אבער דער מהרש"א (ח"א, מגילה יז ב) ערקלערט אז די ברכה באציט זיך אויף די גאולה העתידה. און אזוי איז אויך געדרונגען פון מדרש (שוח"ט תהילים לא ט) וואס זאגט אויפן פסוק (תהילים לא כד): "אמונים נוצר ה'" - "ד.ז. די אידן וואס זאגן ברוך מחיה המתים, און מיט אמונה ענטפערן זיי אמן, ווייל זיי גלייבן מיט זייער גאנצן כח אז ער אז מחיה המתים, אויך ווען עס איז נאכנישט די צייט פון תחיית המתים, זיי זאגן גואל ישראל, **און זענען נאכנישט אויסגעלייזט**... זאגט הקדוש ברוך הוא: די אידן זענען אויסגעלייזט געווארן נאר אויף א שטיק צייט און זענען צוריק אונטערגעטעניגט געווארן, און זיי גלייבן אין מיר אז איך וועל זיי אויסלייזן..." ('עיון תפילה' שבסידור 'אוצר התפילות').

## אויסלאזן 'גואל ישראל'

די גמרא (פסחים קיז ב) שטעלט זיך אויפן אונטערשייד צווישן די ברכה אויף די גאולה וואס ווערט געזאגט נאך קריאת שמע וואס טוט זיך אויסלאזן 'גאל ישראל' - א לשון עבר, און די ברכה אויף די גאולה ביים דאווענען וואס לאזט זיך אויס 'גואל ישראל' וואס איז א לשון הווה. ערקלערט די גמרא: דער הויפט אינהאלט פון די ברכה נאך קריאת שמע איז א שבח אויף גאולת מצרים, דעריבער לאזט מען אויס די ברכה מיט א לשון עבר. אבער די ברכה אינמיטן שמונה עשרה "רחמי נינהו", ד.מ. די עיקר פון די ברכה איז בעטן אויף די צרות וואס קומען אויף אונז א גאנצע צייט דעריבער ענדיגט מען מיט א לשון הווה - "גואל ישראל ('יערות דבש' ח"א דרוש א, ע"פ רש"י מגילה שם).

אבער דער רשב"ם (שם ד"ה דצלותא) ערקלערט דעם לשון: "רחמי נינהו" - "ווייל מיר דאווענען אויפן עתיד", ד.מ. אז אין די ברכה בעטן מיר אויף די גאולה העתידה. לויט דעם דארף מען זאגן, כאטש מיר בעטן אין דעם אויפן עתיד, ענדיגט מען 'גואל ישראל' מיט א לשון הווה, ווייל עס זענען דא זאכן וואס זענען פארבינדן מיט די גאולה העתידה וואס זענען שייך יעדן טאג, אזוי ווי די פאקט אז הקב"ה לאזט נישט די אידן זאלן זיך אויסמישן מיט די אנדערע פעלקער, טראץ זיי זענען צושפרייט אין גלות צווישן זיי, כדי זיי זאלן אויסגעלייזט ווערן לעתיד (סידור יעב"ץ, ברכת 'גואל ישראל'. וראה 'עיון תפילה' שבסידור אוצר התפילות' בברכה זו).

## די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז דו לייזט אונז שטענדיג אויס פון אונזערע צרות, ויהי רצון אז דו זאלסט אונז אויסלייזן פון אלע אונזערע צרות ווי שנעלער (סידור 'נהורא השלם').

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'" (לה ב)

אין ספר 'מטעמים החדש' (עניני שבת אות כא) שטייט: דער וואס איז מקפיד צו זאגן יעדן טאג מאה ברכות, איז זוכה זאמלען אין א וואך 700 ברכות. און דער נאמען שבת איז אויף דעם מרמז; 'שבת' - איז ראשי תיבות: 'ת"ש [700] ברכות' וואס ווערן פארענדיגט אין דער טאג.

**רבי יצחק אברהם שלמה מג'לד** פון די חכמי באגדאד לייגט צו אז מען קען טרעפן אויף דעם א רמז אין אונזער פסוק: "שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי..." - 'ימים' איז בגימטריה 'מאה';

## זיבן הונדערט ברכות יעדע וואך

אויב ענק וועלן זאגן מאה ברכות אין די ששת ימי המעשה און אויך אין שבת, דעמאלטס "יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ **שַׁבַּ"ת** שַׁבָּתוֹן לַה'" - אין דער טאג פון שבת וואס מיט דעם ענדיגט מען די וואך וועלן ענק האבן **ת"ש** ברכות.

'צלה רכב'

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

די מעלה פון א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן

## א ברכה אן אמן איז ווי א געקעכץ אן זאלץ

אין דעם פריערדיגן ספר 'פתח עינים' פון רבי משה ב"ר יקר אשכנזי (מהד' ירושלים תשכ"ח עמ' ז) האט ער צוגעגלעכנט די ברכה וואס איז נישט געענטפערט געווארן מיט א אמן אזוי ווי א געקעכץ אן זאלץ, און אזוי שרייבט ער: "א ברכה אן ענטפערן אמן איז ווי א געקעכץ אן זאלץ, און דורך די ביסל זאלץ וואס מען לייגט אריין אין א גרויסע געקעכץ - ווערט די גאנצע געקעכץ זיין געשמאק און גוט. אויב אזוי איז דער זאלץ דער עיקר כאטש ער איז נאר אביסל, אזוי אויך כאטש די אמן איז ווייניג אבער ער איז דער עיקר".

## די אמן איז קובע די שכר פון די ברכה

די חכמים (חולין פו ב) האבן קובע געווען אז די ווערד פון יעדע ברכה איז צען זהובים, און וועגן דעם יעדער וואס האלט צוריק א ברכה פון זיין חבר דארף ער אים באצאלן צען זהובים. דער ש"ך (חו"מ שפב ד) לייגט צו א וויכטיגער יסוד: "די שכר פון צען זהובים איז נאר אויף א ברכה וואס ער זאגט פאר אנדערע און זיי ענטפערן אויף דעם אמן, אבער א ברכה וואס ער זאגט צו זיך אליינ'ס - באקומט ער נישט די שכר". זען מיר נאך א ענין איבער די חשיבות פון די אמן פאר די ברכה, ווייל די אמן איז קובע די ווערד פון די ברכה.

און אזוי שטייט אין 'ילקוט מעם לועז' (משפטים עמ' תשלא): "דאס וואס מיר האבן געזאגט אז די שכר פון א ברכה איז צען זהובים, איז עס דווקא ווען ער זאגט עס הויעך אויפן קול און איז מזכה די רבים ענטפערן אמן. און דאס איז דאך דער כבוד פון השי"ת אים צו לויבן פארן ציבור, אזוי ווי עס שטייט (משלי יד כח): 'ברוב עם הדרת מלך'.

און פון דא זאל א מענטש זיך לערנען צו זאגן די ברכות הויעך פארן ציבור, סיי ברכות הנהנין און סיי ברכות השחר, כדי דער ציבור זאל ענטפערן אמן. איבערהויפט די ברכות וואס מען זאגט בשעת'ן עולה זיין צו די תורה, וואס מן הדין דארף מען זיי זאגן הויעך כדי די מענטשן זאלן אים הערן. ווייל אויב מען זאגט זיי שטיל, זענען זיי ברכות לבטלה...".

# "היום נכבד לבני אמונים"

מקרב לב נשגר בזאת ברכת מזל טוב מעמקא דלבא למעלת כבוד אלופנו ומיודענו, רודף צדקה וחסד, ממצדיקי הרבים אשר בדרך אמונה בחר. ויהי ידיו אמונה להאיר לארץ ולדרים עליה, לפאר לרומם ולהאדיר, לפרסם ולהפיץ על פני תבל את יקרת מעלת ערכה של מצות עניית אמן,

רבי יעקב דב מארמארשטיין הי"ו

מייסד ונשיא 'בני אמונים'

ולכל בני המשפחה הכבודה תחי'

לרגל השמחה השרויה במעונם בנשואי נכדתם עב"ג בשעטו"מ.

יהי רצון שיזכו לרוות רב נחת מהם ומכל יוצאי חלציהם, וישמע במעונם קול ששון וקול שמחה לארך ימים ושנים טובות מתוך בריאות ושפע ברכה, ואמר כל העם אמן.

כעתירת וברכת המברכים מעמק לב,

צוות בני אמונים

רבבות 'בני אמונים' בארץ ובעולם

# צדיק באמונתו

אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


דער אוהל פון 'תפארת שלמה' זי"ע אין ראדאמסק

## דער 'תפארת שלמה' כ"ט באדר תרכ"ו

האדמו"ר רבי שלמה הכהן ראבינאוויטש איז געבוירן צו זיין פאטער רבי דוב צבי אין די שטעטל וולאשצאווא אין פולין. זייענדיג א קליין קינד האט זיין פאטער מיט אים געלערנט, דאס קינד וואס איז געווען געשאנקען מיט א געוואלדיגן כח התמדה און געבענטשטע טאלאנטן פלעגט נאכדעם איבערבלייבן אין בית המדרש און לערנען אליין. נישט איינמאל האבן די מתפללים פון די מנין ותיקין אים געטראפן ווי ער איז נאך פארטיפט אין זיין לערנען.

אין זיינע ערוואקסענע יארן איז ער געווען פון די נאנטע תלמידים פון הרה"ק רבי מאיר מאפטא בעל 'אור לשמים', און פלעגט אויך זאגן יעדן טאג פאר תפילת שחרית זיין באקאנטע תפילה: "רבונו של עולם ידעתי כי הנני בידך...". אין יאר תקצ"ד אין עלטער פון פיר און דרייסיג יאר האט ער צוגעשטימט אננעמען די רבנות פאסטן אין ראדאמסק, וואו דארט האט ער געדינט ביז צו זיין פטירה. ניין יאר שפעטער אין יאר תר"ג האט ער זיך אונטערגעגעבן צו דער געבעט פון די פילע אנהענגערס וואס זענען געקומען צו אים און האט אנגעהויבן פראווען זיין עולם.

ליל שישי, כ"ט אדר, אינמיטן לערנען ספר הזוהר איז זיין קאפ אראפגעפאלן אויפן ספר און זיין נשמה איז ארויף אין הימל. ער איז געקומען לקבורה אויפן ראדאמסקער בית החיים.

## דער לויב פון דער וואס ענטפערט איז גרעסער פון דער לויב פון דער מברך

דער עיקר לויב פון א מענטש צום באשעפער דארף זיך נישט קאנצענטרירן אין די פערזענליכע טובות וואס ער האט געטון מיט אים, נאר מיט די גוט'ס וואס ער טוט מיט גאנץ כלל ישראל. ווייל מיטן לויבן אויף די גוט'ס פון די רבים, טוט ער פארגרעסערן די שבח פונעם בורא און זיין גרויסקייט, וואס טוט גוט'ס נישט נאר מיט אים אליין, נאר ער פארמערט צו טון גוט'ס מיט אלע זיינע באשעפענישן.

אין אסאך ברכות לויבט און דאנקט דער מברך נאר אויף די פערזענליכע טובות וואס ה' האט אים געשאנקען מיט זיין גוט'סקייט. צ.ב.ש. ביי די סעריע ברכות השחר לויבט דער מברך אין ברכה נאך די צווייטע אויף אסאך טובות וואס דער באשעפער שענקט אים יעדן טאג עקסטער. דאקעגן דער וואס ענטפערט 'אמן' נאכן מברך, לויבט ער אויף די טובה פון א צווייטן און נישט אויף זיין פריוואטע טובה, און וועגן דעם איז די דרגה פון זיין הודאה העכער פון די דרגה פון מברך, און וועגן דעם זאגן חכמים (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך" ('תפארת שלמה' שער התפילה).